# פרשת בשלח - תרומה ז' שבט - ד' אדר תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת בשלח***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבה מיוחדת לנגידי ותומכי קהלתנו הק', הכנה לקראת המגבית האדיר 'לגמור תפארתנו' להשלמת בנין בית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. אחר שנשמע דבר המעמד על ידי הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, השמיע **רבינו שליט"א** מדברת קדשו.

***וזה תוכן הדברים:***

**די** וואך אין די פרשה, נאכדעם וואס יודען זענען ארויס פון מצרים, און עס איז געווען דער נס פון קריעת ים סוף, האבן יודען געזאגט שירה, מען האט געדאנקט דעם אייבערשטען. וואס איז געווען די ערשטע זאך וואס זיי האבן מקבל געווען אויף זיך, נאכדעם וואס מען איז ארויס פון מצרים, און אלע נסים וואס מען האט געזעהן? זיי האבן געזאגט, זה א-לי ואנוהו, אלקי אבי וארוממנהו (שמות טו-ב). און רש"י טייטשט צוויי פשטים. איינס, ואנוהו, אתנאה לפניו במצות, ווען איך וועל טון א מצוה, וועל איך עס טון שיינערהייט. נאך א פשט זאגט רש"י, ואנוהו איז א לשון פון א וואוינונג, אבני ליה מקדשא, איך וועל מאכען א וואוינונג פארן אייבערשטען. פון זיך אליין האבן זיי מקבל געווען אויף זיך, אז זיי גייען מאכען א משכן פארן אייבערשטען. עס איז נאכנישט געווען א חיוב אז מען דארף דאס טון, זיי האבן פארשטאנען אז מען דארף מאכען א פלאץ וואו מען זאל זיך צוזאמקומען, און עס זאל זיין דארט א השראת השכינה.

**ווען** מען מאכט א חשבון. זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט א רכוש גדול, און ביזת הים איז געווען נאך מער פון וויפיל עס איז געווען ביזת מצרים. יעדער יוד איז געווארן א געוואלדיגער עושר, ער האט געהאט אכציג חמורים טעונים מיט כסף וזהב. זיי האבן זיך מתבונן געווען, פארוואס האט אונז דער אייבערשטער געגעבן אזויפיל געלט, פארוואס דארפן מיר דאס? פון איין חמור וואס איז טעון כסף וזהב, איז דא גענוג געלט צו לעבן, האבן זיי פארשטאנען דערפון אז מען דארף בויען א מקדש פארן אייבערשטען. און צו בויען א מקדש פארן אייבערשטען דארף מען האבן געלט, האט עס צוגעברענגט צו זיי, אז זיי זאלן זיך מתבונן זיין, זה א-לי ואנוהו, אבני ליה מקדשא, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן געלט, איך גיי בויען פאר אים א מקדש.

**און** נישט נאר איך גיי אים בויען א מקדש פון פיר ווענט, נאר ואנוהו, איך וועל עס מאכן שיין. א שטוב פון א מענטש וויל יעדער איינער אז עס זאל זיין שיין, ער האט הרחבת הדעת ווען ער קומט אריין אין א שיינע שטוב. די זעלבע מאכען מיר פארן אייבערשטען. ווען מען קומט אריין אין בית ה', זאל מען האבן דעם הרחבת הדעת צו קענען דאווענען, זיך קענען אויסגיסן דאס הארץ, ער זאל קענען זאגן שירה פארן אייבערשטען, און לערנען. איז די ערשטע זאך וואס זיי האבן מקבל געווען אויף זיך נאך דעם נס וואס האט פאסירט, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אזא פארמעגן, זה א-לי, דאס איז מיין גאט וואס האט מיר אלעס געגעבן, ואנוהו, איך גיי אים צוריקצאלן, איך גיי מאכן א מקדש, א פלאץ פון השראת השכינה פארן אייבערשטען. און איך וועל עס מאכן ואנוהו, אתנאה לפניו במצות.

**מיר** האבן נישט היינט א בית המקדש, מיר האבן נישט וואו צו מאכן א בית ה', די בתי כנסיות און בתי מדרשות וואס מיר האבן, דאס איז דער ואנוהו, דער פלאץ וואו עס איז דא השראת השכינה. יעדער פלאץ וואו צען יודען קומען דאווענען, איז שכינה קדמה ואתיא, קומט די שכינה קודם אהין. ווען מען צינדט אן ליכט פארן עמוד, איז עס נישט אז עס זאל זיין סתם ליכט, נאר עס ווערט אנגעצינדען פארן כבוד השכינה, די שכינה קומט, צינדט מען אן ליכט פארן כבוד פון די שכינה (עיין **טורי זהב** או"ח סימן קנ"ד סקי"א). עס איז די איינציגסטע פלאץ היינט, וואו עס איז א בית ה', דער מקום פון א בית המקדש וואס מען האט אמאל געהאט.

**און** היינטיגע צייטן איז עס אסאך מער. דאס גאנצע יודישקייט וואס א מענטש האט, נעמט ער פונעם בית המדרש. מען לעבט אויף א גאס צווישן אומות העולם און גוים, די שעה וואס ער קומט יעדן טאג אין בית המדרש, שבת און יום טוב וואס מען איז אין בית המדרש, דאס גיט אים זיין כח ער זאל קענען זיין א ערליכער יוד. דארט שעפט מען חיות פון די תפלות און פון די דברי תורה, דאס גיט אים חיות

אויפן גאנצן לעבן. עס איז א געוואלדיגער זכות, אבני ליה מקדשא, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, געבן מיר אויך צוריק פארן אייבערשטען. בויען א מקדש ה', א פלאץ וואו עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים.

**דאס** בית המדרש דא ביי אונז אין וויליאמסבורג איז די גילת הכותרת פון אונזער קהלה. איך דערמאן זיך צוריק ווען איך בין געווארן רב דא, איז געווען דער ראש הקהל רבי הערש ליפשיץ ז"ל, א אדם חשוב מאוד, א אמת'דיגער ווארימער יוד. און עס איז דעמאלטס געווען אטייל וואס האבן געוואלט אז איך זאל וואוינען אין בארא פארק, די קהלה איז גרעסער אין בארא פארק, און איך זאל אנהייבן דארט. און רבי הערש האט געזאגט, ניין, וויליאמסבורג דארף זיין דער לייכט-טורעם פאר די קהלה. אז דער רב וועט וואוינען אין וויליאמסבורג וועט דאס משפיע זיין אויף בארא פארק, אבער פון בארא פארק וועט עס נישט משפיע זיין אויף וויליאמסבורג. ער האט פארשטאנען אז דאס איז דער גילת הכותרת פון אונזער קהלה, כדי עס זאל זיך האלטן, דארף עס זיין פון דא. און ב"ה עס איז א מקום וואו מען זיצט און מען לערנט. פון צופרי ביז ביינאכט הערט זיך נישט אויף די קול תורה און די קול תפלה, עס איז א געוואלדיגער זכות פאר יעדען איינעם וואס נעמט דערין א חלק. איך זאג עס פאר די וואס קומען אריין אין בית המדרש, דא אין די שטאט אליין איז עס געווארן פון די שענסטע בתי מדרשים, פון די ערליכסטע, פון די איידלסטע, וואס איז אן קיין פאליטיק, אן קיין שום זייטיגע זאכען, עס איז בלתי לה' לבדו פארן אייבערשטען. עס איז א געוואלדיגער זכות ווער עס האט א חלק דערין. דער באשעפער זאל ענק באצאלען, מוסיף זיין כהנה וכהנה. דער באשעפער האט געגוג, אז מען גיט פארן אייבערשטען. עס איז דא כמה דרכים למקום ווי אזוי דער אייבערשטער גיט עס צוריק פארן מענטש. דער באשעפער זאל משפיע זיין, ונתנו (שמות ל-יב), ווען אונז געב מיר פארן אייבערשטען, גייט עס צוריק אויך, דער רבונו של עולם גיט אויך צוריק. מיר אלע זאלן געבענטשט ווערן מיט שפע ברכה און הצלחה, מיט שמחות און נחת ביי די קינדער, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת אנ"ש לטובת גמר בית מדרשנו, שהתקיים באולם המלון טילער"י. אחר שנשמע דבר המעמד על ידי הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, השמיע **רבינו שליט"א** מדברת קדשו. אחר כך עברו הרבה מאנ"ש לפני **רבינו שליט"א** למסור טופסי שטרות בנדבת לבם והתחייבותם לטובת הצלחת המגבית.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"ו סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, דער אייבערשטער האט געזאגט, דבר נא באזני העם, וישאלו איש מאת רעהו, ואשה מאת רעותה, כלי כסף וכלי זהב (יא-ב). און רש"י זאגט, שלא יאמר אותו צדיק אברהם, אברהם אבינו זאל נישט זאגן, ועבדום ועינו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם. און עס דארף האבן א ביאור, אויב דער פראבלעם איז נאר, אז מען זאל ארויסגיין ברכוש גדול, עס איז דאך געווען שפעטער ביזת הים, וואס ביזת הים איז געווען אסאך מער פון די ביזת מצרים. תורי זהב נעשה לך עם נקודות הכסף (שיר א-יא), תורי זהב גייט ארויף אויפן ביזת הים, און נקודות הכסף דאס איז וואס מען האט מיטגעברענגט פון מצרים (שהש"ר שם), איז מען דאך ארויסגעגאנגען מיט א רכוש גדול, פארוואס האט אויסגעפעלט וישאלו איש מאת רעהו, אז מען זאל לייען איינער פונעם צווייטען.

**עס** שטייט אין **אבן עזרא** (פ' שמות ג-כב), די ערשטע מאל וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל גיין אויסלייזען יודען, און ער האט אים געגעבן די ציווי אז מען זאל לייען, זאגט ער, יש מתאוננים ואומרים, עס איז דא וואס רעדן זיך אפ, כי אבותינו גנבים היו, אז אונזערע עלטערן זענען גנבים, זיי האבן צוגענומען געלט פון די מצריים. זיי זענען געגאנגען לייען ביי די מצריים, און מען האט עס נישט צוריקגעגעבן. זאגט ער, אבער דער פסוק אליין איז דא מעיד אז זיי האבן עס געטון בציווי ה', עס איז געווען א מצוה פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער האט אזוי

געהייסען, און אויפן אייבערשטען פרעגט מען נישט קיין קשיות, פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי געהייסען, ווייל די גאנצע וועלט איז דעם אייבערשטענ'ס. און ער האט עס געגעבן פאר די מצריים, און ער האט געזאגט שפעטער פאר אונז, אז מיר זאלן נעמען פון די מצריים די כלי כסף, איז ער בארעכטיגט צו טון וואס ער האט געהייסן.

**און** דער אמת איז, אז דאס איז א רש"י אנהייב פרשת בראשית (א-א), בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, אמר רבי יצחק לא היה צריך להתחיל את התורה, ער וואלט געדארפט אנהייבן די תורה מיט החודש הזה לכם ראש חדשים (שמות יב-ב), נאר כח מעשיו הגיד לעמו (תהלים קיא-ו), אז אויב אומות העולם וועלן זאגן אז ישראל זענען לסטים, זיי האבן כובש געווען ארץ ישראל. זאגט די תורה, בראשית ברא אלקים, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער האט עס געגעבן פאר די אומות, און אז ער וויל, קען ער עס אוועקנעמען, עס איז נישט דא קיין גזילה. - אין אנדערע ווערטער, די זעלבע טענה וואס איז דא אויף ארץ ישראל, אז לסטים אתם, האבן זיי געזאגט, אז אין מצרים איז מען אויך געווען לסטים. און מען ענטפערט די זעלבע תירוץ, וואס מען האט געענטפערט אויף ארץ ישראל.

**די** הסבר דערפון איז, ווען א טאטע קומט אהיים, און ער קויפט איין צו עסן פאר די קינדער, ער פילט אן די פרידזשידער אדער די קלאזעט מיט אלע סארט מאכלים פאר די קינדער צו עסן. יעדע קינד איז בארעכטיגט צו נעמען וואס ער וויל, דער טאטע גיט אים רשות צו נעמען. ווען א קינד האט גענומען א עפל, און דער טאטע גייט נאכדעם און ער זאגט פארן קינד, געב די עפל פאר דיין ברודער שמעון, קען יענער האבן א טענה, דו ביסט א גנב, איך האב גענומען די עפל, עס איז מיינס?! עס איז נישט זיינס, עס איז דעם טאטענ'ס. דער טאטע האט דיר געגעבן רשות אז דו קענסט עסן, יעצט זאגט דער טאטע, איך וויל נישט אז דו זאלסט עס עסן, איך וויל אז יענער זאל עס עסן. עס איז נישט דא קיין גניבה, עס איז נישט דא קיין גזילה, ער איז דער בעל הבית דערפון.

**ווען** א מענטש קוקט אן, כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, וואס ער האט, האט ער אליין געשאפען. נאכדעם קומט דער אייבערשטער, און ער נעמט עס פון אים צו, גיט עס פאר יענעם. דו טייל'סט מיר איין אויף מיין זאך וואס צו טון, איז עס גניבה. אבער ווען א מענטש ווייסט אז ער איז געקומען אויף די וועלט ליידיג. לה' הארץ ומלואה (תהלים כד-א), דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אלעס איז זיינס, אונז האב מיר גארנישט צוגעלייגט צו די וועלט, אלעס איז פונעם רבונו של עולם. און דער אייבערשטער האט געגעבן א רעכט פאר אונז, אז מיר קענען נהנה זיין פון די וועלט. און ווען דער אייבערשטער וויל אז אונז זאל מיר אוועקגעבן פאר א צווייטען, זאגט ער, דו קענסט עס צונעמען פון יענעם, איך געב דיר רשות. אונז הער מיר פונעם אייבערשטען אליין, אז וואס ראובן האט, דארף ער יעצט אוועקגעבן פאר שמעון. עס איז נישט דא קיין תביעה, עס איז נישט דא קיין גניבה, עס איז דעם באשעפער'ס און ער קען טון דערמיט וואס ער וויל. לה' הארץ ומלואה, זאגט די גמרא (ברכות לה.), קודם ברכה, איז אלעס דעם אייבערשטענס. איז ממילא נישט דא קיין תביעה פון אומות העולם, אז מען האט צוגענומען פון די מצרים. אונז האב מיר נישט גענומען, דער אייבערשטער האט געהייסען אזוי, דער אייבערשטער האט עס דיר געגעבן, און ער האט געהייסען אז דו זאלסט עס אוועקגעבן שפעטער פאר יודען.

**די** גמרא (שבת לא.) זאגט, אמונת (ישעיה לג-ו), זה סדר זרעים, די סדר פון זרעים ווערט אנגערופן אמונה. פארוואס הייסט עס אמונה, זאגט תוספות, שמאמין בחי העולמים וזורע, ער גלייבט אינעם אייבערשטען אז עס וועט ארויסקומען תבואה, און ער זייעט איין. און אלע פרעגן, דער גוי איז נישט זורע? ער איז אויך זורע. אן א מאמין בחי העולמים, לייגט ער אויך אריין זיין ווייץ אין דער ערד, און ער ווייסט אז דער טבע וועט ארויסגעבן נאכדעם פירות. וואס מיינט עס, אז אמונה איז סדר זרעים, אז ער איז מאמין בחי העולמים, און ער איז זורע.

**נאר** דאס איז דער חילוק צווישן א יוד און א גוי. א גוי ווען ער לייגט אריין תבואה אין די ערד כדי עס זאל וואקסען, פארלאזט ער זיך אויף די טבע, די טבע וועט ארויסגעבן תבואה. א יוד ווייסט, אז פון זיך אליין קען גארנישט געשעהן, אלעס איז פונעם אייבערשטען. ער איז א מאמין בחי העולמים, אפילו אזא זאך וואס מען זעהט אין טבע, עס איז נארמאל

אז ווען א מענטש לייגט אריין אין די ערד וואקסט ארויס, ווייסט ער אויך אז עס איז נישט אזוי. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט יש מאין, עס איז נישט געווען גארנישט, און דער דיבור פונעם אייבערשטען האט עס באשאפן. און ווען עס איז נישט דא דער כח פונעם אייבערשטען ווייטער, איז אין איין רגע וואלט אלעס צוריקגעגאנגען צו תוהו ובוהו. דער באשעפער איז דער בעל הבית פון די טבע, ער האט געמאכט די טבע, אלעס איז פונעם אייבערשטען, שמאמין בחי העולמים וזורע. ער גלייבט אז דער אייבערשטער איז חי העולמים, ער איז מחיה די וועלט, און וועגן דעם איז ער זורע. - און די זעלבע איז, ווען א מענטש גלייבט אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, און דער באשעפער זאגט אז מען זאל אוועקגעבן איינער פארן אנדערן, איז דאס נארמאל, עס איז נישט קיין גניבה.

**דער** באשעפער האט געוואלט, אז ווען מען גייט ארויס פון מצרים, זאלן זיך יודען קונה זיין די אמונה צו גלייבן אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, דער באשעפער איז דער בעל הבית פון דער וועלט. ווייל ווען א מענטש גלייבט, אז דער אייבערשטער איז דער בעל הבית פון דער וועלט, דעמאלטס פירט ער זיך אויף אנדערש. ער ווייסט אז ער איז מחוייב צו פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט, און ער קען נישט טון אלעס, נאר וואס מען האט אים געגעבן א רעכט צו טון, ווערט דאס ניכר פאר יודען אז עס איז דא א בורא עולם. עס איז דאס ערשטע מאל וואס דער אייבערשטער האט געהייסען צונעמען פון איינעם א זאך, און עס אוועקגעבן פאר א צווייטען. ביז מצרים איז נישט געווען אזא זאך, אז עס זאל זיין א ציווי פונעם רבונו של עולם, צונעמען וואס ראובן האט, און עס געבן פאר שמעון. דא האט דער אייבערשטער געזאגט, אז אלעס וואס מצרים האט, גיב איך אוועק פאר ענק. ביזת מצרים ביזת הים, אלעס גייט עטץ באקומען. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געוואלט? ווייל יודען וועלן דאך פרעגן די קשיא פונע אבן עזרא, וואס איז טייטש אז איך נעם אוועק פון יענעם, מיר זענען דאך גנבים. ניין, דו זאלסט וויסן אז דו ביסט נישט קיין גנב, ווייל איך בין דער בעל הבית פון די וועלט, און איך האב עס געגעבן פאר זיי, און איך געב עס יעצט פאר דיר. ווען יודען וועלן נהנה זיין פון די רכוש מצרים, וועט אלץ ביי זיי קומען אין געדאנק, ווי אזוי קען איך נהנה זיין פון דעם, עס איז דאך דעם מצרי'ס. ניין, עס איז נישט דעם מצרי'ס, עס איז דעם אייבערשטענ'ס, און דער באשעפער האט עס מיר געגעבן. דאס וועט זיי מקנה זיין אמונה אינעם רבונו של עולם, אז אלעס איז פונעם אייבערשטען.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, דבר נא, בבקשה ממך, אפילו זיי זענען מוותר, זיי וועלן זאגן אז זיי דארפן עס נישט, זיי קענען זיך באגענוגען מיט ביזת הים וואס עס וועט זיין שפעטער, דער ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, וועט זיין. אבער די חשיבות איז נישט אז עטץ זאלטס האבן אסאך געלט, נאר איך וויל אז עטץ זאלטס וויסן אז דאס געלט וואס עטץ האטס באקומען פון די מצריים, איז ווייל איך בין דער בעל הבית דערויף, און איך האב עס א רעכט אוועקצוגעבן. די קנין, שלא יאמר אותו צדיק ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם, די נקודה וואס עס ברענגט ארויס דאס ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, וועט נישט מקויים ווערן. טאמער נעמען זיי נאר ביזת הים אליין, האבן זיי גענומען פון הפקר, די מצריים זענען געשטארבען און מען האט צוגענומען פון זיי ביזת הים, איז נישט דא דער לימוד וואס מען דארף ארויסלערנען. אבער ווען מען נעמט פון די מצריים לעבעדיגערהייט, און מען גיט עס נישט צוריק, ווייל דער אייבערשטער האט עס ענק געגעבן, און דער אייבערשטער האט עס נאכדעם געגעבן פאר אונז, דאס ברענגט ארויס דעם לימוד צו געדענקען אז אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הרב **חיים ישעי' שווימער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יואל טובי' שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שני פרשת בשלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל** (בר"ש) **פייערווערקער** הי"ו, ולבן הר"ר **ישראל שעכטער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר

כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחת הנפש.

*

***שבת קודש פרשת בשלח***

**רבינו שליט"א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש חב"ד בעיר. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **כ"ק הגה"צ רבי יעקב יהוסף ראטענבערג שליט"א** האדמו"ר מקאסאן (9 עוו.) באמירת ה' מלך, ובברכת המזון.

*

***יום ראשון פרשת יתרו***

בשעות הערב הגיע **האדמו"ר מקאסאן** (9 עוו.) **שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א** במעונו בפאלם ספרינגס.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מקאסאן:** עס איז היינט צוגעקומען צו מיר א אייניקל פון רבי בנימין הערש בערקאוויטש ז"ל, און ער האט מיר געזאגט, אז זיין זיידע האט אים פארציילט, אז ער האט געלערנט אין אונגוואר, און ווען עס איז געקומען שבת שירה, האט דער **אונגוואר'ער רב** געזאגט, אז שבת שירה דארף מען פארן צו א רבי. און טאמער מען האט נישט קיין שפעזן, קען ער אויסלייגען. האט ער זיך מיישב געווען אז קאסאן איז נעבן אונגוואר, איז ער געפארן קיין קאסאן אויף שבת. און זיין זיידע האט אים געזאגט, אז ער האט זיך געשפירט אזוי דערהויבן דעם שבת, אז ער האט געזאגט אז ער וויל נישט נאכאמאל פארן, ווייל ער האט מורא, אז אויב ער וועט נאכאמאל פארן, וועט ער שוין פארבלייבן דארט.

**רבינו:** די וועלט זאגט נאך, אז אין די צייטן פונעם מיטעלן רבי'ן איז געווען אין ליובאוויטש רבי אהרן סטראשעלער, עס איז געווען די חסידות פון חב"ד אויף א אייגענארטיגען וועג. און דער רבי אהרן האט זייער שיין גערעדט, אז ווער עס איז אריינגעקומען איז נמשך געווארן צו אים. עס איז געווען א ליובאוויטשער חסיד וואס האט אזויפיל געהערט פון אים, האט ער געוואלט פארן צו אים אויף א שבת. ער האט אבער מורא געהאט אז ער וועט נמשך ווערן, האט ער מיטגענומען זיין חבר, און ער האט געבעטן דעם חבר, אז טאמער ער זעהט אז ער ווערט שטארק נתעורר, זאל ער אים געבן א שלעפ, ער זאל אים דערמאנען. וכן הוה, ער איז שטארק צופייערט געווארן, און דער חבר האט אים אנגעהויבן צו שלעפן, האט ער אים געזאגט, עס איז שוין א שאד צו שלעפן, עס וועט שוין נישט העלפן.

**האדמו"ר מקאסאן:** מיין זיידע איז אמאל געווען ביי א קבלת פנים פון א חתן, און עס איז געווען דארט א בדחן וואס האט געגראמט, און ער איז נישט געווען אזוי ערליך. האט מיין זיידע געזאגט פארן חתן, ווער נישט נתעורר, ווער נישט נתעורר... ער האט נישט געוואלט ער זאל נתעורר ווערן פון איינעם וואס איז נישט אזוי ערליך.

**רבינו:** מען זאגט אויפן **בעלזער רב**, **רבי ישכר דוב זי"ע**, אויך די זעלבע, אז ביי די חתונה פון איינע פון די קינדער, האט אויך מעורר געווען א מארשעלי"ק, און דער בעלזער רב האט אים א גאנצע צייט געזאגט, ווער נישט נתעורר פון אים.

אינדערהיים זענען געווען די מארשעליקא'ן גאר פשוטע מענטשען, זיי זענען נישט געווען קיין גרויסע צדיקים, רבי חיים מענדל איז יא געווען א ערליכער.

**האדמו"ר מקאסאן:** איך בין געווען מיט אים אין קאנטרי, און מען האט געזעהן ווי ער האט נישט פארברענגט קיין צייט. ער איז געווען א מונקאטשער חסיד.

**רבינו:** איך האב געהערט פון רבי חיים מענדל אז ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא האט ער נישט געהאט קיין פרנסה, האט ער אנגעהויבן צו טון אין בדחנות. און ער איז געווען ביים **סקווירא רבי זצ"ל**, האט ער אים געזאגט, אז אויב ער נעמט אן בדחנות, זאל ער זיך פארנעמען אז ער וועט קיינמאל נישט רעדן א זאך וואס עס פאסט נישט. און זייט דעמאלטס האט ער זיך געהיטן, עס איז נישט דא פון אים קיין דזשא"ק וואס זאל זיין א אומאיידעלע זאך. און ער האט אראפגעשטעלט דעם יסוד, אז אלע בדחנים רעדן איידל, וואס דאס איז נישט געווען אמאל. אינדערהיים האבן די מארשעליק'ן גערעדט געמיין.

**האדמו"ר מקאסאן:** מיין טאטע איז נאך געווען ביי רבי ישכר דוב, ער איז געווען א קליין יונגעל, מיין קאזלוב'ער זיידע איז געווען א פעטער פארן **בעלזער רב זי"ע**, מיין זיידע איז געווען א איידעם ביי רבי

מרדכי זוועהיל'ער, און רבי ישכר דוב איז געווען א איידעם ביי רבי שמואל ברעזנא'ער, און רבי שמואל איז אויך געווען א איידעם ביי רבי מרדכי זוועהיל'ער (בזיווג שני). מיין באבע פלעגט זיין ביים בעלזער רב, ווייל אין קאזלוב איז געווען א גרויסע מארק, און דער זיידע האט מורא געהאט צו האלטן די מיידלעך דארט, האט ער זיי געשיקט קיין בעלזא. און זי האט דערציילט, אז איינמאל נאכן דאווענען ראש השנה איז דער בעלזער רב געקומען זאגן גוט יום טוב פאר די רעבעצין. און דער בעלזער רב האט געפרעגט, ווער האט בעסער געדאווענט, איך אדער רבי יעקב בער. האט די באבע געזאגט, שענער האט געדאווענט יעקב בער, אבער בעסער האט געדאווענט דער רבי.

**רבינו:** אויף דעם **בעלזער רב, רבי אהרן זי"ע**, זאגט מען נאך, אז ער פלעגט צו זאגן אויף די בעלי תפלות, אז דער בעל תפלה בין איך, ער שטייט נאר ביים עמוד.

**וכיבדו רבינו לברך על היין, ונפרדו לשלום**

*

***יום שלישי פרשת יתרו***

בשעות הצהרים הגיע **הרה"ג רבי משה אליעזר בלום שליט"א** אב"ד סיקסא לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד סיקסא:** איך געדענק אז אמאל איז דער רב געווען אין סקווירא אויף א הכנסת ספר תורה, און מיין זיידע דער **קאשויער רב זצ"ל** איז דארט געווען, און מיין זיידע איז געזעסן אין זיין קאר, און דער רב האט געוואלט עפעס רעדן מיטן זיידען, און דער רב האט זיך אריינגעזעצט אין קאר, אויפן פלאץ פונעם דרייווער, און עפעס אדורכגעשמועסט.

**רבינו:** עס איז געווען פאר א ז' אדר דרשה, און איך האב מסופק געווען אויף איין רב, צו מען דארף אים מספיד זיין, צו נישט. דאס איז געווען דער שמועס.

**אב"ד סיקסא:** מיין זיידע ז"ל איז געווען א איש אמת, מיר זענען געווען בחורים אין די ישיבה, און נאכן טיש פרייטאג צו נאכטס איז געווען א שטיק צייט וואס מיין פעטער רבי שמחה ישראל אב"ד תולדות רפאל האט געהאט א חברה בחורים, און מען איז זיך צוזאמגעקומען, מען האט געזינגען אביסל, און מען האט ווייטער ממשיך געווען. איין וואך שבת צופרי רופט מיך דער זיידע צו, און ער זאגט מיר, איך הער אז נאכן טיש קומט מען זיך צוזאם, [ער האט נישט געוויסט אז רבי שמחה ישראל איז דארט], און מען שטייט אויף שפעט, און מען פארשפעטיגט זמן קריאת שמע. מען ענדיגט די טיש גענוג שפעט, און מען קען נישט מאכן אזעלכע זאכן. איך הער אז דו ביסט עפעס א פירער דארט, וואס גייט דא פאר. פרעג איך אים, ווער האט דאס געזאגט. זאגט ער, איך קען נישט זאגן. זאג איך אים א נאמען, דער און דער? זאגט ער מיר, אוי ווי, איך קען נישט זאגן יא, ווייל איך האב אים צוגעזאגט אז איך גיי דיר נישט זאגן. איך קען נישט זאגן ניין, ווייל איך זאג נישט קיין ליגענט. שוין איך האב גארנישט געזאגט, לאז עס אפ. איך האב אויך געהאט א מעשה פלא מיטן זיידען וועגן מדת האמת. עס איז געווען אמאל בדיקת חמץ. ער האט געמאכט א חסידישע בדיקת חמץ, ער האט געהייסען איבעראל קוקן, ער איז געשטאנען ביי די טיר פון די צימער מיט א לעכטל, און ער האט געוויזען פאר די בחורים וואו מען זאל עפענען. טאמער עס איז געווען א פריוואטע צימער, זענען געווען דארט די אייניקלעך.

**רבינו:** די בחורים זענען געגאנגען מיט א ליכט?

**אב"ד סיקסא:** ניין. ער איז געשטאנען מיטן ליכט אנפאנג צימער, און ער האט געוויזען דארט און דארט, ארויף און אראפ.

**רבינו:** ער האט זיך פארלאזט אויפן לעקטער.

**אב"ד סיקסא:** יא. נאר אונטער די בעטן פלעגט ער יא הייסען אז מען זאל נעמען די לעכט. אבער די לעדליך נישט. דארט וואו די בחורים זענען געשלאפן דארט האט ער געהייסען גוט בודק זיין. ער האט אליינס געהאלטן די לעכט, און ער האט געהייסען אוועקריקן, און געשיינט מיטן לעכטל. איין מאל זענען מיר אדורך די קאך, די באבע איז געזעסן דארט, און ער גייט אריין אין א צימער, און עס הייבט זיך אן א מערכה, און ער ווייזט נו, נו. איך האב נישט פארשטאנען וואס ער וויל, האט איך געפרעגט צו איך זאל רופן די באבע. האט ער געזאגט יא. האב איך גערופן די באבע, און ער האט ווייטער געזאגט, נו, נו. האט זי געזאגט, ווען דו וועסט רעדן, וועל איך קומען. שוין מען גייט ווייטער בודק חמץ זיין. ווען מען ענדיגט גייט ער אריין אין די קאך, און ער זאגט פאר די באבע, דו ווייסט וואס איך האב געוואלט? זאגט זי, ניין. אין יענע יארן האט געקאסט געלט צו רופן פון וויליאמסבורג קיין

קאשוי, האט מען געמאכט קאלעק"ט קאלל"ס. און די טאכטער האט אריינגערופן קאלעק"ט, און די באבע האט געענטפערט, אז זי איז ביז"י, און זי קען נישט אננעמען די קאל"ל, און זי זאל צוריקרופן שפעטער. האט ער איר געזאגט, וואס הייסט דו האסט געזאגט אז דו ביסט ביזי?! האב איך דיר ביזי געמאכט, דו זאלסט טראכטען וואס איך וויל, כדי דו זאלסט נישט האבן געזאגט קיין ליגענט.

**רבינו:** ווי אלט איז דער זיידע געווען?

**אב"ד סיקסא:** פינף און ניינציג. ער פלעגט זיך אייביג אויפטון, אז ער האט געאטעמט איין יאר די לופט פון די וועלט וואס דער מהרש"ם האט געלעבט. דער מהרש"ם איז אוועק ווען ער איז געווען איין יאר אלט. - ער האט קיינמאל נישט געזאגט ווי אלט ער איז. ער פלעגט אלץ דרייען אהין און אהער, די פאפירן האבן נישט געשטימט. איך בין אמאל געווען מיט אים ביי א דאקטער, א גאליציאנער, און דער דאקטער זאגט אים, רבי איר מוזט מיר זאגן ווי אלט איר זענט. פרעגט ער אים, פארוואס. זאגט ער, ווייל די מעדיצינען גייען לויט די יארגאנג, און איך דארף אויסרעכענען. זאגט ער, איך ווייס נישט ווי אלט איך בין, אבער איך האב געלעבט ביי די ערשטע קריג. האט ער געפרעגט, איר האט געלעבט אדער איר געדענקט נאך. האט ער געזאגט, איך וועל זאגן, אז איך געדענק עפעס.

רבי שלמה זלמן אויערבאך מיט הרב אלישיב זענען אמאל געזעסן צוזאמען, און רבי שלמה זלמן האט זיך צוקרעכצט, אז עס איז א נייע דור. זאגט הרב אלישיב איך האב נאך געלעבט אויף די וועלט איין יאר ווען דער **מהרש"ם** האט געלעבט, איך האב געאטעמט די לופט. זאגט אים רבי שלמה זלמן, אויב אזוי, דעמאלטס האבן מיר נאך עפעס.

עס איז דא א בריוו פונעם **חפץ חיים** וואס ער האט געשריבן פאר דעם גרויסן סופר נתנאל תפילינסקי. ווען ער האט ארויסגעגעבן די משנה ברורה חלק א', האט דער סופר געזאגט, אה, עס איז נאך דא איינער וואס קען סופרות, און ער האט געשריבן פופציג שאלות פארן חפץ חיים. און דער חפץ חיים האט אים צוריקגעשריבן, איך בין יעצט עוסק אין חמורות (הל' שבת), איך קען נישט יעצט ענטפערן אין הל' סופרות, עס איז דא א יוד אין ברעזאן וואס ער איז בכל התורה כולו, בכל זמן, אים זאלסטו פרעגן.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין פונעם **שאצער רב זצ"ל** (בעל **דעת שלום**), ער איז געווען א תלמיד פונעם **מהרש"ם**, און ער האט זיך אסאך געדרייט ביי אים אין שטוב. און ער איז אמאל אריינגעקומען צום מהרש"ם פרייטאג נאכמיטאג, און דער מהרש"ם איז געזעסן און געשריבן א תשובה, און ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון אים. און עס איז אים געווען א פלא, ער האט נאך אזאנס נישט געזעהן אז ווען ער קומט אריין, זאל ער זיך נישט וויסענדיג מאכען. שפעטער האט אים דער מהרש"ם געזאגט, אז איך בין אמאל געווען ביי מיין רבי, ביי **רבי שלמה קלוגער זצ"ל**, פרייטאג נאכמיטאג, איך בין אריינגעקומען אין שטוב, און ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט, און רבי שלמה קלוגער האט מיר נאכדעם געזאגט, אז פרייטאג נאך די מקוה, האט ער א אויסערגעווענליכע הארה אין תורה, שרייבט ער דעמאלטס זיינע שווערע תשובות. דער מהרש"ם האט נישט געוואלט זאגן אויף זיך אויך די זעלבע, ער האט אים נאר פארציילט די מעשה פון רבי שלמה קלוגער.

**אב"ד סיקסא:** דער **מהרש"ם** האט געגעבן הוראה פונעם **מנחת חינוך**. און ער שרייבט, אז דער מנחת חינוך האט אים געזאגט, אז שבת זאל ער נישט זאגן איזהו מקומן, און ער זאל ענדערש חזר'ן די הוראה.

ערב שבת ביים זיידען, דאס ווייסען אלע תלמידים, ער האט אייביג פארגעלערנט פון א האלבע שעה פאר חצות, ביז אפאר מינוט נאך חצות. און ביי חצות איז געווען אינמיטן שיעור, און ער פלעגט אלץ זאגן, קוקטס ארויס פון פענסטער, קוקטס די הימלען טוישן זיך, עס קומט דער שבת'דיגער הימל.

**א' מהנוכחים:** אויף די מצבה פונעם זיידען האט מען געשריבן יפ"ה. רבי אליעזר חיים זצ"ל האט געזאגט, אז ער האט אים געזאגט ווען ער איז געווארן זיבעציג.

**אב"ד סיקסא:** ווען ער איז געווארן ניינציג האט ער אויך מרמז געווען. איך בין דארט געווען יענע נאכט, עס איז געווען ממש קלאר. אבער דאך וויבאלד ער האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט איז שווער צו וויסן.

**רבינו:** ביי די זיבעציג יאר האט ער עפעס געמאכט?

**אב"ד סיקסא:** ניין, ער האט קיינמאל גארנישט געמאכט. ער איז געווען דווקא אקעגן מאכען. ער פלעגט זאגן די ווארט, אז פרעה האט געמאכט א סעודה פאר זיין יום הולדת (בראשית מ-כ). ער האט נאר געבעטן, אז מען זאל אים אנוואונטשען. איך בין געווען ווען ער איז געווארן דריי און ניינציג יאר, האט ער מיר געזאגט, היינט דארף מען מיך אנוואונטשען. האב איך אים געזאגט, וועלכע שם. האט ער זיך צולאכט.

**רבינו:** ווילאנג איז ער נישט געווען געזונט פאר ער איז אוועק.

**אב"ד סיקסא:** פינף יאר. ער איז אוועק כ' אדר תשס"ה, און פון ראש השנה תש"ס האט מען אנגעפאנגען צו זעהן אז די אטעמען איז נישט גוט. ער האט זיך געמוטשעט ביי די תפלות. הושענא רבא אינדערפרי האט ער געזאגט פאר מיין טאטען, אז עפעס טויג נישט. ער איז געבליבן אין שטעטל, און מען האט גערופן א דאקטער אינדערהיים, און ער האט גארנישט געזעהן. שמחת תורה פארטאגס זאגט ער פאר מיין טאטע, אז ער קען נישט אטעמען. דער דאקטער איז געקומען און ער האט אים אריינגענומען אין שפיטאל. למעשה דעמאלטס האט מען צוביסלעך געכאפט אז ער האט א דעזי"ס אויף די לונגען. פרשת ויחי האט מען אים געדארפט ארויפלייגן אויף א רעספירעיטא"ר, און אזוי איז ער געווען די גאנצע פינף יאר ביז צו די פטירה.

**רבינו:** מען האט פארשטאנען וואס ער האט גערעדט?

**אב"ד סיקסא:** ווער עס איז געווען מיט אים טאג און נאכט, האט פארשטאנען וואס ער האט געזאגט. ער איז געווען א מענטש בכלל, אפילו אין די געזונטע צייטן, האט ער אסאך גערעדט מיט רמזים, מיט די אויגן, און מיט די הענט. ער פלעגט אלץ זאגן, וואס מיינט א גוטע גבאי? א גוטע גבאי מיינט, אז פאר איך ווינק, פארשטייט ער שוין. ווען איך ווינק, האלט איך שוין נאכדעם.

דעמאלטס איז אים דאס לערנען שוין געווען שווער, מען האט אים געדארפט פארלערנען. איך בין אויפגעוואקסן ביי אים נעכט, און איך האב געהאט מיט אים דעמאלטס אותות ומופתים. אפילו ווען ער איז געשלאפן איז געווען לא פסיק פומיה מגירסא, פארשלאפטערהייט. מען האט געקענט הערן וועלכע בלעטער ער לערנט. ער האט געזאגט און געזאגט און געזאגט. איך האב אמאל געהאט מיטן זיידען א מעשה פלא. איך בין אמאל געווען מיט אים אין מאונ"ט סינ"י שפיטאל, אין עלעוועי"ן וועס"ט, אלץ איז געווען דארט א קינד, מיט א אייניקל, און א גבאי. און איך האב אים געזאגט, אז ער קען זיך לייגען שלאפן. איך זיץ דארט, און ער זאגט און זאגט, אינמיטן רופט ער מיך צו, און ער זאגט מיר, די חידושים אויף מסכת גיטין האב איך יעצט געענדיגט. און ער פרעגט מיך, וואו שפעט איז. זאגט איך אים, צוויי אזייגער ביינאכט. פרעגט ער מיך, וואו בין איך? זאג איך אים, אין מאונ"ט סינ"י שפיטאל. זאגט ער מיר, אה, ב"ה, איך האב מיך נאך קיינמאל נישט אזוי געמוטשעט אויפן לערנען. צוויי אזייגער ביינאכט, אין שפיטאל, אה, עס שטימט. זאגט ער מיר, זאג זיי אז מען קען דריקן די חידושים אויף מסכת גיטין. איך בין עס אדורכגעגאנגען, עס איז קלאר, עס איז מסודר, עס איז ראוי לדפוס. פרעג איך אים, פאר וועם זאל איך זאגן. זאגט ער מיר, דו ווייסט נישט פארוועם צו זאגן? איך האב מורא געהאט אז די בלוט פרעשא"ר וועט ארויפגיין, האב איך אים געזאגט, יא איך גיי שוין זאגן. פינף אזייגער קלאפט איינער אויף די טיר, איך גיי צו, זאגט מיר יענער, איך דרוק דעם רבינ'ס ספרים, היינט האט דער שרייבער פון ארץ ישראל געזאגט אז ער האט געענדיגט די חידושים אויף מסכת גיטין, און ער בעהט א ברכה צו ער קען גיין צום דרוק. זאג איך אים, דו דארפסט נישט אריינקומען, איך האב שוין א מעסידז"ש פאר דיר. זאגט ער מיר, איך וויל עס הערן אליין. איך גיי צו צום בעט, און ער פרעגט מיר, ווער איז דא. זאג איך אים, חיים דוד, זאגט מיר דער זיידע, זאג אים אז איך האב דיר שוין אלעס געזאגט. א מעשה פלא.

מיין זיידע איז געווען זייער בהצנע לכת, ער איז געווען זייער פריוואט אין ענינים פון זיין גוף. ווען א גבאי האט אים פאררעכטען די קראגן, האט ער געזאגט, ב"ה די הענט ארבעט נאך... איך האב אים אמאל געזאגט, אז איך זעה אז אין די שיך איז דא א לאך. זאגט ער מיר, קודם כל האסטו נישט געדארפט זעהן... און נאכדעם, איך האב עס געטון פראקטיש, אז ווען עס קומט אריין וואסער, האט עס וואו ארויסצוגיין...

נאך די נפילה ווען ער איז געווען אינדערהיים, האט זיך גערודערט אויף די וועלט, פון א מימרא פון מיין זיידען, צו ער האט עס יא געזאגט צו ער האט עס נישט געזאגט. ביינאכט בין איך דארט געווען, זאג איך אים, אז עס רודערט זיך אויף די וועלט צו דו האסט יא געזאגט, צו נישט געזאגט. איך האב דא א ריקארדע"ר, זאג אריין, צו דו האסט יא געזאגט צו נישט געזאגט. זאגט ער מיר, איך וועל דיר ענטפערן. ווען א מענטש קומט אין א יארגאנג וואס ער קען נישט מכחיש זיין וואס ער האט געזאגט, איז וואס ער האט יא געזאגט און וואס ער האט נישט געזאגט, די זעלבע זאך. איך געדענק נישט וואס איך זאג, איך קען נישט מכחיש זיין, און איך קען נישט מאשר זיין. וואס איך זאג און וואס איך זאג נישט איז די זעלבע

זאך. דו קענסט עס מפרסם זיין בשמי. זאג איך אים, אבער וואס איז יא. זאגט ער מיר, אויב אלע מיינע קינדער וועלן עס הערן פון מיר, און אלע וועלן האלטן אז איך האב געזאגט די זעלבע זאך, דעמאלטס קען איך עס מאשר זיין.

**רבינו:** איינער האט מיר אמאל נאכגעזאגט פונעם זיידען, אז נאכצוזאגן אויף א צדיק ווי אזוי ער האט זיך געפירט, און מען זאל עס אננעמען פאר א הוראה, דארף זיין דריי זאכען. איינס, אז דער וואס האט עס געזעהן איז געווען א תלמיד חכם, אז ער פארשטייט וואס אויפצופאסן. צווייטענס, אז ער האט אים געזעהן דריי מאל זיך אזוי פירן. און דריטענס, אז ער האט אים געזעהן זיך אזוי פירן אין די יוגענט, און נישט אויף די עלטער. אויף די עלטער איז נישט קיין ראיה, ווייל ער איז שוין געווען א חלש.

**אב"ד סיקסא:** אין קאשוי איז דא א גרויסע מבוכה. ווייל יונגערהייט האט דער זיידע קיינמאל נישט געדאווענט קיין מנחה נאך פינף און פופציג מינוט נאך די שקיעה. אדרבה עס איז שוין געווען דעמאלטס מעריב. אויף די עלטער איז שוין געווארן צוויי און זיבעציג. איין שבת ביי שלש סעודות, ווען ער האט זיך געהאלטן ביים וואשן, האט ער געדארפט גיין אין הכנות. ווען ער איז צוריקגעקומען פרעגט ער מיין טאטען, מען קען זיך נאך וואשן? און מיין טאטע ענטפערט נישט. פרעגט ער, וואו שפעט איז? זאגט אים מיין טאטע, אין פינף מינוט ארום גייט זיין צוויי און זיבעציג. זאג ער, ברענג די טעפל. זאגט אים מיין טאטע, דו האסט זיך נאך קיינמאל נישט געוואשן אזוי שפעט. ברענג די טעפל, און ער האט זיך געוואשן ברבים, און ער האט געהייסען מיין טאטע, גיי וואש דיך. ביי די יונגעלייט איז דאס געענדיגט, עס איז מער נישט דא קיין פינף און פופציג, דער רבי האט זיך געוואשען שפעטער. און מיין טאטע שטייט דארט אין שטעטל, און ער זאגט, עטץ זענטס ענק טועה.

**רבינו:** אויף דער עלטער איז נישט קיין ראיה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. מען זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך נחת און הרחבת הדעת, בשמחה ובטוב לבב.

**אב"ד סיקסא:** והמברך יתברך מיט הצלחה און סייעתא דשמיא.

איך וויל דערציילען א מורא'דיגע מעשה פונעם זיידען, זיין מדת האמת. דער וויזשניצער רבי ז"ל פון מאנסי, ווען ער האט חתונה געמאכט א טאכטער, איז ער געקומען לאדענען דעם זיידען צו די חתונה. און מען האט געלייגט פרוכט אויפן טיש. און מיין זיידע רופט זיך אן, וויזשניצער רבי מאכטס א ברכה. זאגט דער וויזשניצער רבי', איך וועל נישט מאכען א ברכה פארן קאשויא'ער רב. רופט זיך אן דער זיידע, און איך וועל נישט מאכען פארן וויזשניצער רבי'. און דער וויזשניצער רבי גיט אזא שמייכעל. זאגט אים מיין זיידע, מיום עמדי על דעתי האב איך נישט משנה בדיבור געווען. דער וויזשניצער רבי גיט אזא טראכט, און ער רופט זיך אן, איך קען דאס נישט זאגן, ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם בורא פרי העץ.

**ונפרדו לשלום**

*

<u>*שבת קודש פרשת יתרו*</u>

**רבינו שליט"א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש חב"ד בעיר. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **פייש הערצאג** הי"ו בברכת המזון.

*

<u>*שבת קודש פרשת משפטים - שקלים*</u>

**רבינו שליט"א** עלה לעליית מפטיר (שקלים), ועבר לפני התיבה בתפלת מוסף. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **שמואל וואסערמאן** הי"ו בברכת המזון (לרגל היא"צ של אביו ע"ה).

*

<u>*יום שלישי פרשת תרומה*</u>

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** למעון קדשו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי, אחר כך בחן את תלמידי הישיבה על החזרה של שלחן ערוך שלמדו במשך הזמן (סי' ש"ח - הל' מוקצה), והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **הערש אלימלך** (ב"ר אברהם יעקב לרפו"ש) **פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם סעליש.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **יחזקאל שרגא זאב** (וואלווי) **שפיערער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הלל כף** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת תרומה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם זילבער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** אייבערשטער האט מזמין געווען א סעודת ברית מילה אין ראש חודש אדר, משנכנס אדר איז דאך מרבים בשמחה (תענית כו:), און ששון זו מילה (מגילה טז:), מילה איז אויך ששון, דער באשעפער האט צוגעשיקט נאך א חלק פון שמחה אין ראש חודש. פארוואס זאגט מען משנכנס אדר מרבים בשמחה, ווען אדר גייט אריין איז מען מרבה בשמחה, ריבוי שמחה איז דאך א גאנצע חודש, והחודש אשר נהפך להם מיגון לשמחה (אסתר ט-כב), ער וואלט געדארפט זאגן, אז אדר איז מען מרבה בשמחה, ווייסט מען אז עס הייבט זיך אן דער ענין פון ריבוי שמחה פון ווען אדר קומט אריין. עס קוקט עפעס אויס ווי עס איז דא א הדגשה אז משנכנס אדר, ווען מען גייט אריין אין אדר, ווען מען האלט אין ראש חודש, דארף מען מרבה זיין בשמחה.

**בפשטות** איז דער ענין, אזוי ווי עס איז דא ראש השנה, וואס עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז נישט נאר די אנהייב פון די יאר, נאר עס איז די קאפ פון די יאר, ראש השנה איז מען דן אויף א גאנץ יאר שפעטער. אזוי ווי די קאפ פונעם מענטש גיט חיות פארן גאנצן גוף, די זעלבע גיט ראש השנה חיות פארן גאנצן יאר, ווייל דאס איז דער קאפ פונעם יאר. די זעלבע איז דא ראש חודש, יעדן ראש חודש איז דער טאג פון ראש חודש, דער קאפ פונעם חודש. אלעס איז תלוי אינעם ראש חודש, און פונעם ראש חודש ווערט עס נאכדעם נתפשט אויף די איבריגע טעג פונעם חודש.

**אז** מען וויל אז דער חודש אדר זאל זיין א חודש פון שמחה, דארף מען מרבה זיין בשמחה משנכנס אדר, ווען עס איז דער ראש פונעם חודש, ווייל לויטן ראש פונעם זאך, ווי אזוי דער קאפ פון די זאך איז, לויט דעם ווערט נתפשט שפעטער די איבריגע חלקים. איז א ענין אז משנכנס אדר, ווען דער אדר קומט אריין, זאל מען מרבה זיין בשמחה.

*

**מען** זאגט (אסתר ח-טז) ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, די גמרא (מגילה טז:) דרשנ'ט, אז 'אורה' גייט ארויף אויף תורה, תורה ווערט אנגערופן תורה אור (משלי ו-כג), שמחה גייט ארויף אויף יום טוב, ששון זו מילה, און ויקר גייט ארויף אויף תפלין. רש"י זאגט, אז המן האט גוזר געווען אויף די מצות אז מען זאל עס נישט מקיים זיין, איז ווען עס איז געווען די ישועה פאר יודען, האט מען געקענט מקיים זיין די מצות.

**עס** איז ניתן להאמר, אז די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז עס איז דא א מודעא רבה לאורייתא, מיר האבן מקבל געווען די תורה ביי מתן תורה ביים בארג סיני, אבער עס איז געווען בכפיה. מען האט געצווינגען מקבל צו זיין די תורה. און א זאך וואס מען האט געטון געצווינגענערהייט, איז דא א מודעא רבה, אז מען קען זאגן, אז מען איז נישט מחוייב צו טון א זאך וואס מען האט גענומען אויף זיך באונס. אבער הדר קבלוהו בימי אחשורוש (שם), ווען עס איז געקומען ימי אחשורוש, איז געווען נאכאמאל קבלת התורה, און די קבלת התורה איז געווען מיט א שמחה, פון זיך אליין, מען האט נישט געצווינגען, פון אהבת הנס האט מען מקבל געווען אויף זיך די תורה. איז דאך יעדן פורים, אויסער די נס וואס האט פאסירט, איז ליהודים היתה אורה, אורה זו תורה, עס איז געווען א פרישע קבלת התורה, און די קבלת התורה איז געווען בשמחה. אין א געוויסע מדריגה איז עס א העכערע קבלת התורה, ווי עס איז געווען ביים מעמד הנבחר. ווייל ביים מעמד הנבחר איז עס געווען בכפיה, און עס איז דא א מודעא רבה, און די קבלת התורה וואס איז געווען אין פורים, איז געווען א קבלת התורה וואס איז געווען מתוך שמחה, מען האט עס מקבל געווען פון זיך אליין.

**די** גמרא (שבת פט.) זאגט אז דער בארג סיני ווערט אנגערופן מיט מערערע נעמען. איינע פון די נעמען

איז הר פארן. זאגט די גמרא, ווייל שפרו ורבו ישראל עליה. ווען מען איז אהיימגעגאנגען פון מתן תורה, האט יעדער יוד געהאט א יונגעל וואס איז אים געבוירן. ניין חדשים שפעטער, חודש אדר, האט יעדער יוד געמאכט א ברית פאר א קינד. זעהט מען אז אין זכות פון תורה, האט דער אייבערשטער געגעבן, אז מען האט זוכה געווען צו א קינד, און מען האט געקענט מאכען א ברית. שובו לכם לאהליכם (דברים ה-כז), מיט די הבטחה וואס דער אייבערשטער האט געזאגט שובו לכם לאהליכם, פון דעם האט מען זוכה געווען אז פרו ורבו עליה ישראל.

**אויב** מיט קבלת התורה באונס האט מען זוכה געווען אז יעדער האט געהאט א בן זכר, און געמאכט א ברית, דארף דאך אויסקומען לכאורה, אז נאך די גזירה פון המן, וואס מען האט מקבל געווען די תורה מתוך שמחה, איז זיכער געווען די זעלבע ברכה ביים כלל ישראל, אז ביי יעדן איינעם איז געבוירן געווארן נאכדעם א יונגעל. אויב ביי קבלת התורה באונס זאגט מען אז עס איז געווען די ברכה שפרו ורבו עליה ישראל, איז ביי די גזירה פון המן, ווען מען האט מקבל געווען די תורה מתוך אהבה, איז אוודאי געווען אז יעדער יוד האט געמאכט א ברית צום יאר, נאכדעם וואס עס איז געווען פורים.

**ליהודים** היתה אורה, אורה זו תורה, מען האט דעמאלטס מקבל געווען די תורה מתוך שמחה, און דורכדעם איז געווען ששון זו מילה, דער קבלת התורה האט צוגעברענגט צו ששון זו מילה, אז מען האט נאכדעם געקענט מקיים זיין די מצוה פון מילה ווי עס דארף צו זיין. ל'יהודים ה'יתה א'ורה איז די ר"ת אה"ל, די ברכה פון שובו לכם לאהליכ"ם, איז דאך געווען אז עס איז געווען פרו ורבו עליה ישראל, די זעלבע איז געווען ביי ליהודים היתה אורה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום חמישי פרשת תרומה</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף וועבער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בן הרב **יצחק גרשון שטערן** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **יקותיאל זלמן גרין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי דוד יצחק אייזיק גאלדשטיין שליט"א** אב"ד סקאליע (בן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יצחק מאיר ברוין שליט"א** רב דביהמ"ד שערי ציון, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת תרומה</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה התקיים הבאווארפען של החתן **יוסף יצחק** (ב"ר סיני) **ווייס** נ"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **שלמה מרדכי כף** נ"ו (חתן הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו). באמירת שבע ברכות נתכבד **כ"ק האדמו"ר מלעלוב בית שמש שליט"א**.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הדינער השנתי לטובת המתיבתא, שהתקיים באולם עטרת חי', ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסן אונזערע שותפים למלאכת הקודש, די חשובע בעלי בתים, א גרויס

טייל תלמידים פון די מתיבתא, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צום דינער, מחזק צו זיין די מתיבתא. די וואך איז די פרשה פון תרומה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), עס איז א מצוה אז מען דארף בויען א משכן פארן אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער וועט דארט רוען. מיר האבן היינט נישט קיין בית המקדש, אבער ואהי להם למקדש מעט (יחזקאל יא-טז), מיר האבן א מקדש מעט, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות, און דאס איז אונזער חיוב אין ועשו לי מקדש, אז מען זאל בויען א מקדש פארן אייבערשטען.

**מיר** זענען שותפים, יששכר און זבולון זענען שותפים איינער מיטן אנדערן, אונז לייג מיר אריין די כוחות אין לימוד התורה, **איך קען מעיד זיין, אז די בחורים זיצען און לערנען אויף א אויסערגעווענליכען שיינעם פארנעם, וואס דער מתיבתא שטייט יעצט. מען קען זאגן, אז די אלע יארן וואס איך בין דא, געדענק איך נישט, אז די מתיבתא זאל זיין אזוי שיין, מיט ערליכקייט, התמדת התורה, פלייסיג לערנען, און וואקסען אין תורה, יראת שמים, דאווענען, די גאנצע פעקעדז"ש ארום און ארום. איך קען זאגן, אז עס איז פון די שענסטע ישיבות היינט אין די שטאט.** און דאס אלעס איז נאר אין די כחות פון די וואס טוען מחזק זיין דעם מקום תורה. עטץ זענטס מקיים דעם ועשו לי מקדש, אויפצובויען און אויפצוהאלטען דעם מקדש. און די כלי קודש וואס איז דא אין די מתיבתא, טוען צוהעלפען דערצו, אז עס זאל קענען זיין ושכנתי בתוכם, אז עס זאל קענען זיין א מקום פון השראת השכינה.

**מען** זעהט ביי די פרשה פונעם ארון, שטייט אין פסוק (שמות כה-י) ועשו ארון עצי שטים. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז ביי אלע כלים שטייט א לשון יחיד, ועשית, דו זאלסט מאכען. אויסער ביים ארון וואס איז דער סימבאל פון תורה, דארט שטייט ועשו, א לשון רבים, ווייל עס געהער פאר יעדן יוד, יעדער דארף האבן א חלק אין דעם ארון, וואס דארט איז געלעגן די תורה. יעדער דארף צולייגען א האנט, אז דער ארון מיט די תורה זאלן קענען עקזיסטירן אינעם בית ה'.

**דער שפתי חכמים** ברענגט צו, אז אין די פרשה פונעם ארון איז אויסגערעכנט אלע אותיות פון די א' ב', אויסער די אות ג' איז נישט דא אין די פרשה. דער שפתי חכמים זאגט, ווייל דער ארון אליין איז געווען ג', עס איז געווען ג' ארונות, פון זהב און פון עץ און זהב, דער ארון אליין איז געווען די אות ג'. איך מיין אז דער פשט דערפון איז, מען ווייסט וואס די גמרא (שבת קד.) זאגט, אז די דרדקי האבן געדרשנ'ט, א' ב', איז אלוף בינה, לימוד התורה. ג' ד' איז גמול דלים. די ג' ווייזט אויף די מחזיקי תורה. די תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז אפילו ווען דער גאנצער ארון איז דא, אלע אותיות פון די א' ב' זענען אינווייניג, אבער מען דארף האבן א ג' פון אינדרויסן, וואס ער זאל צושטיין דערצו, און צוהעלפן אז די תורה זאל קענען וואקסען. דער ג', דער גומל דלים וואס איז אינדרויסן, ער איז דער שומר אויף דעם ארון אז עס זאל זיך קענען ווייטער האלטן.

*

**מען** געפונט אז נאכן חורבן פונעם בית ראשון, זענען יודען געגאנגען אין גלות בבל. סוף פונעם גלות בבל איז געווען די מעשה פון פורים, זיי האבן זיך טועה געווען אין די זיבעציג יאר וואס יודען האבן געדארפט זיין אין גלות, זיי האבן נישט געוואוסט דעם חשבון קלאר, און זיי האבן געמאכט א סעודה, אז מען וועט שוין פארבלייבן אין גלות. נאכדעם איז געקומען די צייט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט אז כורש וועט געבן רשות אויפצובויען דעם צווייטען בית המקדש, און אזוי איז געווען, אז מען האט באקומען רשות אויפצובויען דעם צווייטען בית המקדש. און דער אייבערשטער האט געזאגט (חגי ב-ט), גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון, דער בית אחרון וועט זיין מער מכובד ווי דער בית ראשון. און די גמרא (בבא בתרא ג.) שטעלט זיך, מיט וואס איז געווען דער בית אחרון מער מכובד ווי דער בית ראשון. זאגט די גמרא, מיט צווי זאכען. איינס, בשנים, אין יארן. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר, און דער צווייטער בית המקדש איז געווען פיר הונדערט און צוואנציג יאר. נאכדעם זאגט די גמרא, בגובה, מיט די הייעך פונעם בית המקדש. דער צווייטער בית המקדש איז געווען העכער פונעם ערשטען בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז געווען הויך דרייסיג אמה, און דער צווייטער בית המקדש איז געווען הויך הונדערט אמה. דאס איז דער גדול

יהיה כבוד הבית האחרון מן הראשון, אז דער צווייטער בית המקדש וועט זיין שענער פונעם ערשטען בית המקדש.

**מען** ווייסט אז דער צווייטער בית המקדש איז שוין נישט געווען די זעלבע ווי דער ערשטער בית. אין דעם ערשטען בית איז געווען השראת השכינה אויף א אויסערגעוועונליכע פארנעם, וואס איז נישט געווען שפעטער ביים צווייטען בית המקדש. עס שטייט אין די גמרא (יומא כא:), אז עס איז געווען פינף זאכען וואס האבן געפעלט ביים בית שני. עס איז נישט געווען דער ארון מיט די לוחות, מען האט עס גונז געווען, אדער אוועקגענומען קיין בבל. עס איז א מחלוקת אין די גמרא (שם נג:). עס איז שוין נישט געווען קיין אש מן השמים אויפן מזבח, אזוי ווי עס איז געווען ביים ערשטען בית המקדש. עס האט געפעלט השראת השכינה און רוח הקודש, און די אורים ותומים איז שוין נישט געווען. עס איז נישט דא קיין ארון, עס פעלט השראת השכינה, און עס איז נישט דא קיין רוח הקודש, און קיין אורים ותומים, און מען זאגט אז עס איז גדול כבוד הבית האחרון מן הראשון.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שרייבט אויף מערערע פלעצער (בפרשתנו קכא. **ובתורת משה** קלה:, **ובדרשות חתם סופר** שכח.), אז אינעם משכן און אינעם בית ראשון איז געווען זייער גרויס די קדושה, און די קדושה דאס איז געווען דער עיקר, דער בית אליין איז נאר געווען א טפל. עס איז נאר געווען די שטוב וואו עס האט זיך אויפגעהאלטן די קדושה, אבער די קדושה וואס איז געווען אין בית המקדש איז געווען אויף א גאר א גרויסן פארנעם. אין בית אחרון, ווייל עס האט שוין געפעלט די קדושה אינווייניג אינעם בית המקדש, איז די עיקר וואס מען איז געגאנגען אהין איז געווען דער בית, דער הויז וואס איז געבליבן.

**מיר** וועלן עס מסביר זיין מיט א משל. מען פארט היינט צוריק אויף יוראפ, אויף די אלע פלעצער וואו עס זענען געווען די פריערדיגע צדיקים, און מען טוט איבערמאכן זייערע בתי מדרשים, וואס מען קען נאך האבן א זכר פון וואס עס איז געווען אמאל. אמאל איז געווען קליינע כאטקעס, וואו די צדיקים האבן געוואוינט, און עס האט נישט אויסגעפעלט די שיינקייט פונעם בית, ווייל עס איז געווען דארט דער צדיק וואס האט געדינט דעם אייבערשטען. אבער ווען דאס איז נישט דא, די שטוב איז ליידיג, וואס איז דער כבוד וואס איז געבליבן דארט? עס איז געבליבן נאר דער בית, די הויז. מען גייט צום די פיר ווענט וואו אונזערע אבות האבן געדינט דעם אייבערשטען.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, אין קדושה איז דער בית ראשון געווען אסאך גרעסער ווי דער בית שני, אבער אין כבוד ה'בית', וואס דער בית איז, איז דער בית האחרון מער ווי דער בית הראשון, ווייל ביים בית הראשון האט דער בית נישט געשפילט קיין ראלע, די עיקר איז געווען די קדושה וואס איז געווען אינווייניג. אינעם כבוד פונעם בית, איז דער כבוד הבית האחרון מער פונעם ראשון.

**איך** וועל עס מסביר זיין אביסל אנדערש, די גמרא (שבת קמה:) זאגט, אז די תלמידי חכמים שבבבל זענען געווען מצויינין, זיי זענען געגאנגען אנגעטון מיט שיינע קליידער, מער ווי די תלמידי חכמים וואס זענען דא אין ארץ ישראל. און די גמרא פרעגט, פארוואס. זאגט די גמרא, מפני שאינן בני תורה, די תלמידי חכמים וואס זענען געווען אין בבל זענען נישט געווען אזעלכע בני תורה ווי עס איז געווען אין ארץ ישראל, האט מען געדארפט האבן עפעס אנדערש וואס זאל צוגעבן פאר זיי דעם כבוד, אז מען זאל זיי מכבד זיין. מען דארף דאך קוקען אז עס זאל זיין כבוד התורה, האבן זיי זיך אנגעטון שענערע בגדים, ווייל מען האט זיי מכבד געווען אלץ די בגדים. - זעהט מען אז עס איז דא אמאל וואס ווען די קדושה איז דא, ווען עס איז דא דער תלמיד חכם, דארף מען נישט דעם ארום און ארום, ווייל זיין קדושה, זיין ערליכקייט, דאס באלייכט יודען, דאס ציהט צו יודען, און מען דארף נישט האבן דעם ארום און ארום. טאמער אבער שאינם בני תורה, אז עס פעלט די קדושת התורה, מוז מען עס שוין צופיצן מיט עפעס אנדערש, עס מוז שוין זיין שיינע בגדים וכדומה.

**איך** האב אמאל געהערט פון מיין פעטער, דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, איבער פינף און פופציג יאר צוריק. אז מען האט אמאל געפרעגט איינעם, ווען דיין רבי פארט צו דעם און דעם שטאט, און עס פארן מיט פופציג צו הונדערט חסידים, פארוואס דארף ער מיטנעמען דעם גאנצען עולם, זיי טרעפן

דאך דעם רבי אינדערהיים אויך, פארוואס דארפן זיי מיטגיין צוזאמען. האט ער געזאגט, וואס פארשטייסטו נישט. דער רבי קומט אויף א נייע פלאץ, און מען דארף דאך מאכען עפעס א רושם. אויב ער וועט אנקומען אליין, האט עס נישט קיין פנים, אבער אויב ער קומט מיט א עולם, מאכט עס א רושם. האט ער אים געפרעגט, זיין טאטע איז דאך אויך געפארן, און זיין זיידע איז אויך געפארן צום זעלבן שטאט, און ער איז נישט געפארן מיט אזא עולם. פארוואס האט ער דעמאלטס נישט גערדארפט האבן דעם עולם. זאגט ער, ווי אזוי ביסטו אים מדמה? איז דען דער רבי אזוי ווי זיין טאטע. זיין טאטע איז געווען א הייליגער יוד, און ווען ער איז אנגעקומען אין א שטאט, איז זיך די גאנצע שטאט צוזאמגעלאפן זעהן א צדיק, ער האט נישט גערדארפט האבן דעם ארום און ארום. אבער דער היינטיגער רבי איז דאך נישט אזוי ווי זיין טאטע איז געווען, ער מוז האבן דעם ארום און ארום, כדי עס זאל מאכן א רושם ווען ער קומט.

**האט** ער געזאגט, אז ער האט פארשטאנען מיט דעם וואס רש"י זאגט אויף ויצא יעקב (בראשית כח-י), מלמד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם. זאגט ער, 'שיציאת צדיק מן המקום', אויב דער 'צדיק' פעלט, 'עושה רושם', דארף מען מאכען א רושם. ווען עס איז דא א צדיק, דארף מען נישט קיין רושם, אבער ווען עס איז יציאת צדיק מן המקום, עס איז נישט דא דער צדיק, עושה רושם, דארף מען מאכן א רושם.

**ווען** א יוד איז געקומען אינעם משכן דינען דעם אייבערשטען, האט געקענט זיין עצי קרשים, עס האט געקענט זיין האלצערנע ווענט ארום און ארום, ווער האט געקוקט ווי אזוי די וואנט קוקט אויס, עס איז נישט געווען א נפקא מינה, מען איז אריינגעקומען האט מען געשפירט אזא געוואלדיגע קדושה וואס איז דא פון די השראת השכינה, ושכנתי בתוכם. דאס איז געווען אינעם משכן, ווען יודען זענען געווען אין א געוואלדיגע הויכע מדריגה, מען האט געגעסן לחם מן השמים, מען האט נישט עוסק געווען אין עניני עולם הזה, האט מען נישט גערדארפט דעם ארום און ארום. ווען מען איז אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, זענען שוין יודען נישט געווען אזוי ווי מען איז געווען אין מדבר, מען האט שוין עוסק געווען אין עניני עולם הזה אויך,

האט מען שוין גערדארפט צושטעלן א שענערן בית. עס האט גערדארפט זיין געבויט שיין, כדי עס זאל מאכען א רושם ווען א יוד קומט אריין אין בית המקדש. אבער עס איז נאך אלץ געווען א קדושה. עס איז געווען א ארון, עס איז נאך געווען די אלע פינף זאכען וואס איז געווען אין בית ראשון. ווען עס איז אבער געקומען צום בית שני, און עס איז שוין נישט געווען קיין ארון, עס איז נישט דא קיין השראת השכינה, מוז מען דאך מאכן עפעס א רושם, אז ווען א מענטש קומט אהין זאל אים עפעס אנכאפן ווען ער קומט, האט מען געמוזט צושטעלן א שיינעם בית, כדי עס זאל מאכען א רושם ווען א יוד קומט אריין אין בית המקדש.

**גדול** יהיה כבוד 'הבית' הזה האחרון מן הראשון. ביים ערשטען בית המקדש האט נישט אויסגעפעלט די כבוד הבית, מען האט נישט גערדארפט האבן דעם כבוד הבית, דער כבוד הבית איז געווען דאס וואס מען איז געקומען אין בית המדרש, און מען האט געהאט דארט השראת השכינה. אבער ביים צווייטען בית המקדש וואס עס וועט שוין נישט זיין די השראת השכינה, וועט דארפן זיין דער כבוד הבית. דער אייבערשטער האט געזאגט אז מען דארף צושטעלן א שענערן בית המקדש, מען דארף צושטעלן א שענערן בית, כדי אז יודען זאלן קומען אין בית המקדש, דער מקום זאל זיי צוציען אז זיי זאלן וועלן קומען.

**לעניננו**, עס איז אלץ געווען תורה ביי יודען, און מען האט געלערנט תורה מתוך הדחק. אין אמאליגע ישיבות אינדערהיים האט מען נישט געהאט נישט קיין טיש און נישט קיין בענקלעך, דער הייליגער **חתם סופר** האט געהאט א ישיבה פון הונדערטער תלמידים, דער **חתם סופר** האט געזאגט, אז ער האט געזעהן א מועט המחזיק את המרובה. און די וועלט זאגט, אז ער האט געמיינט ביי זיך אין די ישיבה. איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל** אז ער האט געזעהן די שיעור שטוב וואו דער חתם סופר האט פארגעלערנט, און עס געווען נישט גרעסער ווי א בעיסמענ"ט דירה אין וויליאמסבורג. אזוי קליין איז געווען דער פלאץ וואו דער חתם סופר האט פארגעלערנט. עס איז נישט געווען קיין בענקלעך צו זיצן, יעדער בחור איז געשטאנען מיט א גמרא אין דער האנט, צו אן א

גמרא, און אזוי האט מען אויסגעהערט דעם שיעור. מען האט נישט געדארפט האבן קיין בנינים, מען האט נישט געדארפט האבן די אלע זאכען ארום און ארום, עס איז געווען די קדושה, די תורה האט געצויגען, מען איז נישט געווען אריינגעטון אין הבלי עולם הזה, האט מען געקענט לערנען תורה אין סיי וועלכע מקום.

**עס** איז היינט א אנדערע וועלט, מען איז אפען היינט צו א טריפה'נע וועלט, צו א גרויסע וועלט וואס גיט פאר די יונגווארג אלע תענוגים, אלע הבלי עולם הזה, וואס ציהט אוועק פון תורה. עס איז א געוואלדיגע נס וואס מען זעהט אז עס האלט זיך היינט תורה, אז בחורים קענען זיצען פון צופרי ביז ביינאכט, און נישט האבן קיין שום שייכות צו די וועלט פון אינדרויסן, און זיך אוועקגעבן פאר תורה, דאס איז איינס פון די נסים וואס מיר האבן אין דעם דור, אז מען זיצט און מען לערנט. אבער עס דארף זיין גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון, די באקוועמליכקייט דארף מען צושטעלן. אויב מען זאל נישט האבן די באקוועמליכקייט היינט אין די ישיבות, נאר מען זאל צושטעלן די ישיבות אזוי ווי עס האט אמאל אויסגעקוקט, וואלט א בחור נישט געקומען אין ישיבה לערנען. אויב עס איז צוגעשטעלט, ער האט א פלאץ וואו צו עסן און שלאפן, ער האט זיין טיש, און ער האט זיין בענקל, און ער דארף נאר לערנען, גייט עס מיט. עס פעלט די צוגעצויגענקייט וואס מען האט אמאל געהאט צו דעם בית המקדש אלץ די קדושה, האט מען געמוזט מאכען אז דער כבוד הבית זאל זיין שענער. כדי אז א בחור זאל זיצען און לערנען מוז מען היינט אהערשטעלן, ער זאל נישט זיין געשטערט פון זיינע עניני גשמיים, דעמאלטס קען מען האפן אז ער זאל זיך אריינלייגען אין תורה.

**מען** האלט יעצט אינמיטן בויען א פרישן בנין פאר די ישיבה גדולה, עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די אלע יודען וואס זענען מחשיב תורה, וואס זיי פארשטייען אז זיי זענען די ג' פונעם ארון, זיי זענען די גומלים, זיי טוען צוהעלפן פארן ארון, זיי האבן א שייכות און זיי טוען אויפבויען תורה, זיי זענען די ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, צוצולייגען א האנט, אז מען זאל קענען אהערשטעלן א בנין וואס זאל זיין לשם ולתפארת, אז עס זאל נישט פעלן פאר א בחור דער ארום און ארום, ער זאל קענען שטייגען אין תורה.

**מען** ווייסט אז דער ארון האט געהאט בדים, און די בדים האט מען קיינמאל נישט געטארט אוועקנעמען פונעם ארון, אזוי שטייט אין פסוק (שמות כה-טו) לא יסורו ממנו, די בדים מיטן ארון זענען אייביג געווען צוזאמען. דער שלחן האט אויך געהאט בדים, אבער די בדים פונעם שלחן האט מען געקענט ארויסנעמען. נאר בשעת מען איז געגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן, דעמאלטס האט מען געדארפט אריינלייגען די בדים, אבער ביים ארון, לא יסורו ממנו, המסיר בדי הארון לוקה (יומא עב.), עס האט אייביג געדארפט זיין דארט. די וועלט זאגט, אז דער טעם דערפון איז, צו ווייזען אז די מחזיקי תורה, וואס זיי זענען די בדים, די וואס טראגען דעם ארון, זיי זאלן קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם ארון. זיי שטייען אייביג נעבן דעם ארון, זעהן וואס מען קען העלפן פאר תורה. האט די תורה אונז געוויזן, אז די בדים דארפן זיין נעבן דעם ארון, כדי צו ווייזען אז די מחזיקי תורה מוזען זיין שטענדיג גרייט פאר דעם ארון.

**איך** מיין אז עס ליגט דערין נאך א נקודה לשבחם פון די תומכי תורה. עס שטייט אין **משך חכמה** (בפרשתנו), א טעם פארוואס מען האט נישט געטארט אוועקנעמען די בדים פון די ארון, און ביים שלחן איז נישט אזוי געווען. זאגט ער, אז ביי די מנורה געפונט מען (מנחות פט.) אז מען האט געצינדען ביינאכט, מערב עד בוקר (שמות כז-כא). דער רמב"ם (הל' תמידין ומוספין ג-יב) האלט, אז מען האט צוויי מאל אנגעצינדען די מנורה, מען האט געצינדען די מנורה בייטאג אויך. זאגט דער משך חכמה, אז עס איז פארשטענדליך מיטן שכל, די שיטה אז מען זאל צינדען בייטאג אויך, ווייל אז מען צינדט נאר ביינאכט, קוקט עפעס אויס אז מען צינדט די מנורה ווייל דער אייבערשטער דארף האבן ליכטיגקייט, אבער דער אמת איז וכי לאורה הוא צריך (שבת כב:), דער אייבערשטער דארף דאך נישט האבן די אורה. און אז מען צינדט בייטאג אויך, ווייזט דאך עס אז עס איז נישט וועגן אורה, ווייל בייטאג דארף מען דאך נישט קיין אורה, איז דאס מגלה אז ווען מען צינדט ביינאכט, איז דא א העכערע ענין אין דעם וואס מען האט געצינדען די מנורה.

**זאגט** דער משך חכמה, אויב מען וואלט נאר אריינגעלייגט די בדי הארון כדי עס צו טראגען, וואלט אויסגעקוקט אז כדי צו טראגען די ארון דארף מען האבן די בדים. אבער האט מען דען געדארפט האבן די בדים צו טראגען דעם ארון, עס איז דאך הארון נושא את נושאיו (סוטה לה.), און מען דארף נישט האבן די בדים אז מען זאל עס טראגען. דער ארון אליין האט דאך אויפגעהויבן די וואס האבן געטראגען דעם ארון. פון דעם וואס די תורה האט געהייסען אז די בדי הארון זאלן זיין דארט שטענדיג אפילו ווען מען טראגט עס נישט, דאס קומט אונז צו לערנען, אז די בדים דארף מען נישט האבן צו טראגען, ווייל דעמאלטס וואלט מען דאך געהאט צייט עס אריינצולייגען בשעת מען דארף עס טראגען. אז די תורה זאגט אז די בדי הארון זאלן זיין שטענדיג אינעם ארון, איז דא א עקסטערע ענין פארוואס די בדים דארפן זיין דארט, און עס האט נישט צוטון ווייל מען דארף טראגען דעם ארון, ווייל טראגען דעם ארון וואלט גענוג געווען ווען מען לייגט אריין די בדים ווען מען גייט ארויס צו די מסעות.

**איך** מיין א נקודה פארוואס די תורה האט געהייסען אז די בדי הארון, די מחזיקי תורה, זאלן זיין שטענדיג ביי דעם ארון, און עס זאל זיך נישט אפטון פונעם ארון. ווייל אויבן אויף קוקט אויס, ווי די בדים, די מחזיקי תורה, זיי האלטן אויף די תורה. זיי פלאגען זיך אויף פרנסה, און זייער געלט געבן זיי אוועק פאר תורה, זיי פילען ווי זיי בויען תורה. אבער עס איז נישט אינגאנצן אזוי, עס קומט צוריקגעצאלט. עס קומט צוריק פאר די בדי הארון, דער אייבערשטער איז זיי מזמין אז זיי זענען מצליח אין זייערע געשעפטן. די גמרא (ברכות יז:) זאגט, כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין, דער אייבערשטער גיט פאר חנינא נאר א קב חרובין, ווייל די וואס ווילן מחזיק זיין דעם חנינא, די וואס ווילן מחזיק זיין די תורה, זיי ווילן צוריקבאקומען פון די תורה אסאך מער פון וויפיל זיי האבן געגעבן פאר די תורה. ונתנו (שמות ל-יב), ווען מען גיט פארן אייבערשטען, קומט צוריק די נתינה וואס מען האט געגעבן. די ברכה וואס א יוד האט אין זיינע געשעפטן איז, ווייל ער גיט אוועק א חלק פארן אייבערשטען. מיט דעם וואס ער גיט אוועק א חלק פון זיין פארמעגן פארן אייבערשטען, שיקט אים דער אייבערשטער אריין א ברכה אין וואס ער טוט. יעדער איינער דארף דאך האבן א ברכה אין וואס מען טוט, נישט נאר די ברכה אין ריבוי אין כמות, נאר אויך אינעם איכות. וויפיל מאל קומען אן די געשעפטן מיט עגמת נפש, וויפיל מאל קומט עס אן מיט שוועריקייטן. די זעלבע פרנסה וואלט ער געקענט האבן אן דעם עגמת נפש ארום און ארום. אז א יוד טוט פאר תורה, טוט אים דער אייבערשטער גרינגער מאכען שפעטער אין זיינע געשעפטן. עס איז נישט נאר אז א יוד גיט פאר תורה, נאר די תורה גיט דיר אויך צוריק, די תורה איז משפיע פאר דיר, פאר די בדי הארון, אז זיי זאלן קענען עקזיסטירן. עס איז נישט נאר אז מען האט אוועקגעגעבן פאר יענעם, נאר מען נעמט צוריק. יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם הבעל הבית (ויק"ר לד-י).

**ווען** מען וואלט אריינגעלייגט די בדים אינעם ארון נאר ווען מען דארף גיין פון איין פלאץ אויפן אנדערן, וואלט אויסגעקוקט ווי דער ארון קען נישט גיין אליין, און מען דארף האבן די בדים וואס זאלן אים העלפן. האט די תורה געזאגט, איך וויל אז די בדים זאלן זיין שטענדיג אינעם ארון, ווייל דער ארון זאלן קענען שטענדיג משפיע זיין אויף די בדים. די השפעה וואס דער ארון דארף געבן פאר די בדים, דאס איז שטענדיג. די בדי הארון וואס זענען אין די געשעפטען זיי דארפן שטענדיג מצליח זיין. ווען די בדים וואלטן געקומען צו טראגען דעם ארון, וואלט גענוג געווען ווען מען לייגט אריין די בדים נאר בשעת מען דארף טראגען דעם ארון. עס איז פארקערט, דער ארון טראגט די בדים, דער ארון איז נושא את נושאיו, און אז דער ארון איז משפיע פאר די בדים, איז לא יסורו ממנו, האט זיך קיינמאל נישט געטארט אפטון די בדים פונעם ארון. די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט פאר די וואס טוען מחזיק זיין תורה, אז דער ארון שטייט שטענדיג נעבן די בדים, אז דער כח התורה וואס זיי זענען מחזיק תורה, העלפט זיי ארויס אז זיי זאלן קענען מצליח זיין ווייטער.

**איך** וויל געבן א ברכה פאר די אלע וואס זענען זיך משתתף, זיי האבן א חלק א גאנץ יאר אין מחזיק זיין דעם מקום תורה. דער באשעפער זאל זיי בענטשען, אז דער ארון זאל קיינמאל נישט

אוועקגיין פון די בדים, די תורה הק' זאל מגין זיין אויף זיי, עס איז עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, די תורה הק' האט אין זיך אלע ברכות, און ווען א יוד טוט פאר תורה, באצאלט אים דער אייבערשטער.

*

**איך** וויל ענדיגען מיט א ווארט וואס רבי יוסף לעפקאוויטש האט פריער ארויסגעברענגט, ער טוט פאר די מוסדות אלע יארן, און יעצט האט ער זיך ספעציעל אריינגעלייגט וואס עס איז נוגע פארן נייעם בנין פון די ישיבה גדולה, און מען דארף האבן חיזוק. מען בעהט געלט, מען רופט אז מען וויל ארויפקומען, אסאך מאל קען מען געבן פאר יענעם שוועריקייטן, און מען נעמט אים אוועק די אפעטיט פון קומען. און ווען מען קומט יא, קומט מען נישט מיט די זעלבע מוט, און מען נעמט אים אוועק שפעטער די אפעטיט פון אויפהייבן א טעלעפאן צו רופן א צווייטען. פון די אנדערע זייט, פונקט ווי עס איז דא א מצוה צו געבן צדקה, איז דא א ענין פון פיוס, צוהעלפן פאר יענעם. ווען מען רופט אויפן טעלעפאן, און מען זאגט יא, איך האב הנאה אז דו האסט מיך גערופן, איך ווייס נישט וויפיל איך קען דיר געבן, אבער עכ"פ קום אריבער און איך וועל דיר געבן, דאס גיט אריין די מוט אז מען זאל קענען אנגיין ווייטער. דער דיבור וואס מען רעדט, מאכט אסאך מאל מער אויס, וויפיל די געלט וואס מען גיט.

**די** תורה (דברים טו-י) זאגט נתון תתן, ווען דו געבסט געלט איז דא צוויי נתינות. די ערשטע נתינה איז נאך בעפאר דו האסט געגעבן, ווי אזוי דו האסט אים אויפגענומען אויפן טעלעפאן, דאס איז די ערשטע נתינה. אויב די געבסט אים א גוטן מוט בשעת ער רופט דיך, האסטו שוין געטון דעם נתון, און נאכדעם קומט דער תתן. עס איז א געוואלדיגע חשיבות אז מען העלפט צו פאר תורה, אז עס זאל גרינג אנקומען פאר די וואס טוען ארויסהעלפן און זיי געבן זיך אוועק צו בויען תורה, אז זיי זאלן עס קענען גרינג בויען.

**עס** איז טעג פון שמחה, משנכנס אדר מרבין בשמחה, זאל דער אייבערשטער געבן שמחות אין אלע יודישע שטובער, און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן נחת דקדושה ביי אונזערע קינדער און אונזערע אייניקלעך. עס זענען דא טאטעס און זיידעס פון בחורים פון די ישיבה, וואס געבן זיך אוועק פאר תורה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן ווייטער זעהן אסאך נחת, זיי זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און מיר זאלן אינאיינעם זוכה זיין, כבימי מור והדס הושעת את בניך, מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.